בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# נֵר אֱמוּנָה

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גָעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וִויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת תשס"ח

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי,
דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט,
וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**מתיבתא היכל הקודש**
Mesifta Heichal Hakodesh
1129-42nd Street
Brooklyn NY 11219

**מוסדות היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
ישיבה אפיס 718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
845-467-5299

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
347-733-7551

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
79 Decatur Avenue.
347-243-2992

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site: www.breslevcity.co.il**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at:**

**amazon.com** or at: **mohorosh.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-481-3321**

breslevcity.co.il

# נָאר אֶמוּנָה

## א.

אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה זֶעהְן מִיר אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט מְפַרְסֵם גֶעוֶוען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט לֵיצָנִים וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיף אִים אוּן אָפְּגֶעשְׁפֶּעט, אַז יִצְחָק אִיז גָאר נִישְׁט זַיין קִינְד, נָאר אַבִימֶלֶ'ךְס קִינְד! וָואס דָאס אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער בִּזָיוֹן, אוּן מִיט אַזַא נִסָיוֹן הָאט מֶען אוֹיסְפְּרָאבִּירְט אַבְרָהָם אָבִינוּ. אוּן וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעדַארְפְט מְשַׁנֶה זַיין דִי

breslevcity.co.il

גַאנְצֶע טֶבַע אַז יִצְחָק זָאל אוֹיסְזֶעהְן אַזוֹי וִוי אַבְרָהָם אוּן אַלֶע זָאלְן זָאגְן אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק.

חַזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת, פֶּרֶק ה, מִשְׁנָה ג): **"עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ וְעָמַד בְּכֻלָּם"** - צֶען פְּרוּבִינְגֶען אִיז אַבְרָהָם אָבִינוּ אוֹיסְגֶעפְּרוּבְט גֶעוָוארְן אוּן עֶר אִיז זַיי אַלֶע בַּייגֶעשְׁטַאנֶען. אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (סֵפֶר מְאוֹר עֵינַיִם, פַּרְשַׁת וָאֵרָא): אַז דִי צֶען נִסְיוֹנוֹת גֵייט דוּרְךְ אוֹיף יֶעדְן אִיד. נָאר וָואס דֶען אִיז דֶער חִילוּק? אַז בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ שְׁטֵייט (שָׁם): **"וְעָמַד בְּכֻלָּם - לְהוֹדִיעַ חִבָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ"** - צוּ לָאזְן וִויסְן וִוי גְרוֹיס עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי לִיבְּשַׁאפְט פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל פוּן וואוּ קֶען מֶען וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ מֶענְטְשׁ? אַז מֶען פְּרָאבִּירְט אִים אוֹיס - אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ.

עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקנ"ה): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגֶלְטְן חָסִיד. דָאס הֵייסְט, אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער פַארְשִׁידֶענֶע מִינֵי צָרוֹת, אוּן פוּן דֶעסְטְוֶועגְן

breslevcity.co.il

בְּלַייבְּט עֶר שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, דָאס אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן מוֹרָא׳דִיג חָשׁוּב אוּן בַּאלִיבְּט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אָבֶּער (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ל״ב): אֲפִילוּ קִינְדֶער גֵייעֶן אַרוּם מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט נָאךְ עֶלְטֶער הָאט עֶר אַוַודַאי קַשְׁיוֹת, פַארְוָואס פּוּנְקְט עֶר דַארְף זַיין אַזוֹי, אוּן אִים דַארְף דָאס אִיבֶּערְגֵיין, לְמָשָׁל, אַ בָּחוּר הָאט אַ קַשְׁיָא אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְוָואס עֶר טְרֶעפְט נִישְׁט זַיין שִׁידוּךְ, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט עֶר טוּט אַ שִׁידוּךְ, אוּן עֶס נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט, הָאט עֶר וַוייטֶער קַשְׁיוֹת, דָאס זֶעלְבֶּע אוֹיבּ הָאט עֶר נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, אוּן עֶר אִיז אַ בַּעַל חוֹב, צוּבְּרֶעכְט עֶס אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶר הָאט אַ קַשְׁיָא אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְוָואס דַארְף אִיךְ זַיין דֶער קָרְבָּן?

אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּפֵירוּשׁ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן נ״ב): יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ קַשְׁיָא אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט

breslevcity.co.il

אוֹיסְגֶעפִּירְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קי״ח): ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְש וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ה): דֶער עִיקָר אִיז אֱמוּנָה, אוּן דֶער מֶענְטְש דַארְף זִיךְ נָאכְזוּכְן וואו הַאלְט אִיךְ אִין אֱמוּנָה, וַוייל עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי לַיידְן מַמָש אוֹיף מַחֲלוֹת, [בִּפְרַט נֶערְוֶועֶן קְרַאנְקְהֵייט] אוּן דָאס קוּמְט נֶעבֶּעךְ פוּן דֶעם אַז מְ׳הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה. וַוייל אַז אַ מֶענְטְש אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה הָאט עֶר שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען, אוּן וָואס מֶער אֱמוּנָה עֶר הָאט, הָאט עֶר שְׁטֶערְקֶערֶע נֶערְוֶוען, אוּן עֶר קֶען זִיךְ בֶּעסֶער דֶערְהַאלְטְן.

אוּן דֶער עִיקָר אִיז ׳אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה׳, אַז אַ מֶענְטְש זָאל זִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ: ״אִיךְ וֵוייס נִישְׁט גָארְנִישְׁט, עֶס אִינְטֶרֶעסִירְט מִיר גָארְנִישְׁט, אוּן אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט וִויסְן, נָאר אֵיין זַאךְ וֵוייס אִיךְ, אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן נָאר צוּ אִים דַארְף אִיךְ קוּמֶען, אוּן נָאר אִים דַארְף אִיךְ בֶּעטְן״. אוּן דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי דְרַייצְן עִיקָרִים

breslevcity.co.il

וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט, אוּן דָאס דַארְף מֶען אַסַאךְ חַזֶרְ'ן כְּדַאי מֶען זָאל הָאבְּן אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, לוֹ לְבַדוֹ רָאוּי לְהִתְפַּלֵל, וְאֵין לְזוּלָתוֹ רָאוּי לְהִתְפַּלֵל", מֶען דַארְף דַאוֶונֶען אוּן בֶּעטְן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ. אָבֶּער אוֹיבּ גֵייט מֶען צוּ אַ מֶענְטְשׁ, נִישְׁט נָאר עֶר קֶען דִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, נָאר עֶר קֶען דִיךְ נָאךְ אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ז): אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז וַוייט פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ חַיָה אִין אַ גֶעשְׁטַאלְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר וֶועט דִיר פַארְצִיקְן.

אוּן דָאס אִיז וָואס דֶער תַּנָא וָוארֶענְט אוּן זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ב, מִשְׁנָה ג): "הֱווּ זְהִירִין בָּרָשׁוּת", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן בַּיי אַ 'דָבָר שֶׁבִּרְשׁוּת'. וַוייל בְּרוּחֲנִיוּת קֶענְסְטוּ גְלַייךְ זֶעהְן, אוֹיבּ דֶער אִיד הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען. וַוייל אַז אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אוּן הַיינְט בִּין אִיךְ יָא מַעֲבִיר סֶדְרָה, הָאבּ אִיךְ דָאךְ עֶפֶּעס אִין דִי הַאנְט, דָאס זֶעלְבֶּע, אַז אִיךְ הָאבּ

breslevcity.co.il

קֵיינְמָאל קַיין מִשְׁנָיוֹת נִישְׁט אוֹיפְגֶעמַאכְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז: "מִשְׁנָיוֹת בַּאלַאנְגְט פַאר אַן אַלְטְן אִיד, אוּן וֶוען אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין אַ בֶּן שִׁבְעִים, אַ בֶּן שְׁמוֹנִים, וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת", דָאס זֶעלְבֶּע מִיט נָאךְ אַנְדֶערֶע לִימוּדִים, וֶועגְן דֶעם בְּרוּחֲנִיוּת זֶעה אִיךְ דָאךְ גְלַייךְ, צוּ מֶען פָּאפְּט מִיךְ אוֹיס אָדֶער נִישְׁט, אָבֶּער בַּיי אַ דָבָר שֶׁבִּרְשׁוּת, אַ זַאךְ וָואס הָאט נִישְׁט צוּטָאן מִיט דִי קְדוּשָׁה, דָארְטְן דַארְף מֶען מוֹרָא'דִיג אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן, "שֶׁאֵין מְקָרְבִין לוֹ לָאָדָם אֶלָּא לְצֹרֶךְ עַצְמָן" עֶר אִיז דִיר נִישְׁט מְקַרֵב נָאר פַאר זַיינֶע פֶּערְזֶענְלִיכֶע אִינְטֶערֶעסְן, "וְנִרְאֶה כְּאוֹהֲבִין בִּשְׁעַת הַנָּאָתָן", אוּן וִוילַאנְג עֶר וֶועט קֶענֶען פוּן דִיר הַנָּאָה הָאבְּן, וֶועט עֶר דִיר לִיבּ הָאבְּן, אָבֶּער וֶוען עֶר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט הָאבְּן פוּן דִיר, וֶועט עֶר דִיר אַוֶועק וַוארְפְן, אוּן דָאס פִּירְט דִי מִשְׁנָה אוֹיס: "נִרְאִין כְּאוֹהֲבִין", אָבֶּער: "וְאֵין עוֹמְדִין לָאָדָם בִּשְׁעַת דָחֳקוֹ".

וַוייל דֶער עִיקָר אִיז, אַז וֶוען עֶס אִיז מִיר עֶנְג אוּן עֶס גֵייט מִיר אִיבֶּער עֶפֶּעס אַ צָרָה, אִיךְ בִּין אִין אַ שְׁוֶוערֶע

breslevcity.co.il

מַצָב, און אִיךְ בִּין מַמָש פַארְלוֹירְן, און דֶעמָאלְטְס הֶעלְפְט עֶר מִיר, דָאס אִיז אַ חֲשִיבוּת, און דֶעמָאלְטְס וֵוייס אִיךְ אַז עֶר אִיז מִיר אַן אֱמֶתְ׳דִיגֶער פְרַיינְט.

און דָאס זֶעהְט מֶען אוֹיךְ אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִית לח, א): ״וַיְהִי בָּעֵת הַהוּא וַיֵּרֶד יְהוּדָה מֵאֵת אֶחָיו״ – עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין יֶענֶע צַייט און יְהוּדָה הָאט אַרָאפּ גֶענִידֶערְט פוּן זַיינֶע בְּרוּדֶער. זָאגְט רַשִ״י: מֶען הָאט אִים מְרַחֵק גֶעוֶוען. שְטֵייט וַוייטֶער: ״וַיֵּט עַד אִיש עֲדֻלָּמִי״, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין אַ שְטֶעטְל וָואס הֵייסְט ׳עֲדוּלָם׳, הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן דָארְטְן אַ מֶענְטְש מִיטְן נָאמֶען ׳חִירָה׳, נָאכְדֶעם וָואס עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה מִיט תָּמָר, וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְטְס גֶעהַאט גְרוֹיסֶע בּוּשוֹת, און עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַ מוֹרָא׳דִיגֶע צָרָה, שְטֵייט וַוייטֶער (שָם, פָּסוּק כ): ״חִירָה ׳רֵעֵהוּ׳ עֲדֻלָּמִי״, עֶר אִיז שוֹין אַ גוּטֶער פְרַיינְט. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען אַ מֶענְטְש אִיז אִין אַ צָרָה, און דֶעמָאלְטְס הֶעלְפְט מֶען אִים, דָאס הֵייסְט אַ גוּטֶער פְרַיינְט.

אָבֶּער רוֹב מֶענְטְשְן, וֶוען עֶר אִיז אִין אַ צָרָה און מֶען הֶעלְפְט אִים, און עֶר אִיז זִיךְ מַמָש מְחַיֶה, גֵייט עֶר

breslevcity.co.il

און זָאגְט פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן: דָא אִיז דָא אַ פְּלַאץ וָואס מֶען אִיז אַזוֹי מְחַיֶה מֶענְטְשְׁן, וַוייל אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אַזַא מִין שְׁוֶוערְן מַצָב, און 'דֶער' מֶענְטְשׁ הָאט מִיר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען, אָבֶּער גֶעוֶוענְטְלִיךְ, וִוי נָאר מֶען הָאט אִים אַרוֹיס גֶענוּמֶען, שֶׁעמְט עֶר זִיךְ שׁוֹין, וַוייל עֶר כַאפְּט זִיךְ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאךְ מַיין גַאנְצֶע פַארְגַאנְגֶענְהַייט, בְּמֵילָא כְּדֵי זִיךְ צוּ קִילְן זַיין גֶעוִויסְן, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ רֶעדְן אוֹיף דֶעם צַדִיק כָּל דָבָר אָסוּר, און עֶר טְרֶעפְּט שׁוֹין נָאךְ אַזֶעלְכֶע לֵצִים.

ב.

וַוייטֶער אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כה, כ"א), זֶעהְן מִיר: יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען אַן עָקָר און רִבְקָה אַן עֲקָרָה. און זֵיי הָאבְּן גֶעוואוּסְט אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין אַדְרֶעס, צוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כה, כא): "וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ כִּי עֲקָרָה הִיא, וַיֵּעָתֶר לוֹ ה' וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּוֹ" - יִצְחָק הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַקֶעגְן זַיין וַוייבּ, וַוייל זִי אִיז אַן עֲקָרָה, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען זַיינֶע תְּפִילוֹת, און זַיין וַוייבּ רִבְקָה אִיז טְרָאגֶעדִיג

breslevcity.co.il

גֶעוָואֹרְן. זָאגְט רַשִׁ"י: 'זֶה עוֹמֵד בְּזָוִיוֹת זוּ וּמִתְפַּלֵל וְזוֹ עוֹמֶדֶת בְּזָוִיוֹת זוּ וּמִתְפַּלֶּלֶת' - יִצְחָק אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אֵיין ווִינְקֶל אוּן גֶעבֶּעטְן, אוּן רִבְקָה אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ אַנְדֶערֶע ווִינְקֶל אוּן גֶעבֶּעטְן. וַוייל דֶער עִיקָר אִיז תְּפִלָּה, אוּן פוּן וואוּ וֵוייסְט אַ מֶענְטְש אַז עֶר הָאט אֱמוּנָה, יֶעדֶער אִיד הָאט דָאךְ אֱמוּנָה, וַוייל דָאס אִיז זַיין נְשָׁמָה?! נָאר בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם אִיז דִי אֱמוּנָה אַ פִּינְטֶעלֶע, אָבֶּער שְׁלֵימוּת אֱמוּנָה מֵיינְט, אַז דֶער מֶענְטְש זָאל שְׁפִּירְן 'אָט דָא' אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער! אִיךְ לֶעבּ מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער! אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע זַאךְ נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ס"ב). אוּן צוּ דֶעם קֶען מֶען נָאר צוּקוּמֶען; וֶוען אַ מֶענְטְש גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ אוּן עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן תְּפִלָּה, אַז וֶוען אַ מֶענְטְש דַארְף עֶפֶּעס הָאבְּן זָאל עֶר בֶּעטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ. אוּן דָאס הֵייסְט בַּיים רֶבִּי'ן "הִתְבּוֹדְדוּת" אַז אַ מֶענְטְש זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כ"ה), אוּן וֶוען אַ מֶענְטְש אִיז שְׁטַארְק אִין דֶעם, דַארְף עֶר שׁוֹין

breslevcity.co.il

קֵיינֶעם נִישְׁט הָאבְּן. וַוייל עֶר הָאט צוּ וֶועם זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן.

דֶערְפַאר שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג, ט): "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'" - דֶעמָאלְטְס וֶועל אִיךְ אַרַיינְגֶעבְּן פַאר אַלֶע פֶעלְקֶער אַ קְלָארְן שְׁפְּרַאךְ, אַז אַלֶע זָאלְן שׁוֹין רֶעדְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל עֶס וֶועט זַיין אַזַא מִין 'גִּלּוּי הַדַּעַת' אַז אַלֶע וֶועלְן אַנֶערְקֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בְּמֵילָא וֶועלְן אַלֶע רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוּמְט אוֹיס אַז מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר גְּלֵייבְּט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ז-ט), אוּן וָואס מֶער מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דֶעם, וֶוערְט בַּיי אִים דִי אֱמוּנָה אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט מֶער אוּן מֶער, אוּן אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן דוּרֶעךְ גֵיין אַלֶע צָרוֹת (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ב; ק"ב).

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: מֶען זֶעהְט בַּיי יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא בַּיי דִי 'מַרְאֶה יְחֶזְקֵאל' (יְחֶזְקֵאל א, א): וָואס הֵייבְּט זִיךְ אָן "נִפְתְּחוּ הַשָּׁמַיִם וָאֶרְאֶה מַרְאוֹת אֱלֹקִים" - עֶס הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט

breslevcity.co.il

דִי הִימְלֶען, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן דִי גַאנְצֶע מֶרְכָּבָה. זָאגְט רֶבִּי נָתָן, אַז "נִ'פְתְּחוּ הַ'שָּׁמַיִם וָ'אֶרְאֶה מַ'רְאוֹת אֱ'לֹקִים" אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אֱמוּנָ"ה, וַוייל מִיט אֱמוּנָה עֶפֶענֶען זִיךְ אַלֶע הִימְלֶען. אָבֶער אוֹיף אֱמוּנָה דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ רַחֲמִים, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לא): אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן נִפְגָּם גֶעוָוארְן דִי אֱמוּנָה בַּיי אִים, וַוייל בְּרִית מִיט אֱמוּנָה גֵייט צוּזַאמֶען. אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית הָאט עֶר שׁוֹין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוען הָאבְּן אַ לוֹיטֶערְן מֹחַ אוּן אַ לוֹיטֶערְן הַארְץ, וָואלְט עֶר גֶעוואוּסְט אַז (תְּהִלִּים קמה, יז): "צַדִּיק ה' בְּכָל דְּרָכָיו וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו", אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז רִיכְטִיג אוּן גוּט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ר"נ): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם אֱמֶתְ'ן דַעַת אוּן דֶעם אֱמֶתְ'ן שֵׂכֶל, אוּן דֶער אֱמֶתֶ'ער אֱמוּנָה, קֶען עֶר אַלֶעס דוּרְךְ גֵיין.

breslevcity.co.il

אָבֶּער צוּ אֱמוּנָה קֶען מֶען נִישְׁט קוּמֶען, נָאר אוֹיבּ מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם אֱמֶת'ן צַדִיק (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ז), אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט אַנְדֶערְשׁ. דֶערְפַאר וֶועט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לָאזְן גֵיין אִיבֶּערָאל, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא, וַוייל כָאטְשִׁיג מֶען זִינְגְט שֵׁיין, מֶען טַאנְצְט שֵׁיין, אָבֶּער נָאכְדֶעם גֵייט מֶען אַוֶועק אַ צוּבְּרָאכֶענֶער, אַ צוּשָׁאסֶענֶער, אוּן מֶען קוּמְט צוּרִיק אִין דִי אֵייגֶענֶע ד' אַמוֹת, אוּן מֶען אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט דִי צָרָה, אוּן וָואס טוּט מֶען וַוייטֶער, צְוֵויי דְרֵיי שָׁעָה הָאבּ אִיךְ טַאקֶע אַבִּיסְל פַארְגֶעסְן פוּן מַיינֶע צָרוֹת, אָבֶּער יֶעצְט וָואס טוּ אִיךְ?! דֶערְפַאר אוֹיף אַזַא פְּלַאץ הָאט נִישְׁט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק מוֹרָא, אָבֶּער וואוּ אִיךְ קֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן, דָאס הֵייסְט בַּיי אַזַא צַדִיק וָואס עֶר קֶען מִיר אַרַיין שַׁיינֶען, אַז אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אַ תַּקָנָה אוּן אִיךְ קֶען נָאךְ אוֹיךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיינֶע צָרוֹת, אוּן עֶס נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט, פוּן דֶעם הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר מוֹרָא, וַוייל עֶר וִויל דָאךְ זֶעהְן וִוי דֶער מֶענְטְשׁ מוּטְשֶׁעט זִיךְ, דָאס אִיז דָאךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם, אַז נִישְׁט נָאר בְּרוּחֲנִיוּת, וִויל עֶר

breslevcity.co.il

מְרַחֵק זַיין אַ מֶענְטְשׁ; עֶר וִויל אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיךְ לַיידְן בְּגַשְׁמִיוּת.

וַוייל בֶּאֱמֶת קֶען מֶען בָּזֶה הָעוֹלָם לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, מֶען קֶען מַאכְן פוּן דִי וֶועלְט אַ גַן עֵדֶן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כ"ב): דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דֶער גִיהֵנוֹם אוּן דֶער גַן עֵדֶן. אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטַארְק אֱמוּנָה אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ אִין אִידִישְׁקֵייט, אִיז עֶר מַמָשׁ אִין גַן עֵדֶן, אָבֶּער חָלִילָה וְחַס, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אִיז בַּיי אִים דָאס לֶעבְּן אַ גִיהֵנוֹם מַמָשׁ, אוּן זַיין גַאנְצֶע שְׁטוּב אִיז אַ גִיהֵנוֹם.

אוּן אַז עֶס אִיז יָא דָא אַזַא צַדִיק וָואס עֶר קֶען מִיר אַזוֹי לִיכְטִיג מַאכְן, פוּן דֶעם הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר מוֹרָא, אוּן עֶר טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם אוּן הֶעצְט אָן, נִישְׁט צוּ גֵיין דָארְט.

ג.

דֶער מֶדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סג, ה), זָאגְט: 'וַיֶּעְתַּר - אִיז לָשׁוֹן עֲשִׁירוּת, מְלַמֵּד שֶׁשָּׁפַךְ תְּפִלָּתוֹ בְּעוֹשֶׁר'. דָאס

breslevcity.co.il

הֵייסְט מֶען זֶעהְט אַ עוֹשֶׁר עֶס פֶּעלְט אִים נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אַלֶע קֶעשֶׁענֶעס אִיז אִים פוּל מִיט גֶעלְד, עֶס שְׁפִּילְט נִישְׁט בַּיי אִים קַיין רָאלֶע דָאס גֶעלְט, וְויפִיל דוּ דַארְפְסְט גִיבְט עֶר דִיר. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז יִצְחָק אָבִינוּ גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק אִין דִי עִנְיָן פוּן תְּפִלָּה, אַז עֶר הָאט גֶעוָוארְפְן תְּפִלּוֹת מִיט עֲשִׁירוּת, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט גֶעוָוארְפְן נָאך אַ תְּפִלָּה אוּן נָאך אַ תְּפִלָּה, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, אַז וָואס אוֹיף מִיר גֵייט נָאר דוּרְך, הָאבּ אִיך אַן אַדְרֶעס, דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן קֵיינֶער וֶועט מִיר נִישְׁט קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן.

וֶועגְן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ אַ צַדִיק, לֶערְנְט אִים דֶער צַדִיק אוֹיס וְויאַזוֹי זִיך צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן זִיך מְחַזֵק זַיין. אִיך וֶועל אַייך דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיך הָאבּ דָאס אַלֵיין גֶעזֶעהְן מִיט מַיינֶע אוֹיגְן, וָואס עֶס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת בַּיים טִישׁ, פוּנֶעם סַאטְמַארֶער רָב זי״ע. אִיך בִּין גֶעוֶוען דֶעמָאלְטְס אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אַ אִיד, וָואס זַיין אֵיינִיקְל אִיז דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִין אַ

breslevcity.co.il

סְוִוימִינְג פּוּל, אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶר נֶעבֶּעךְ גֶעהַאט אַ קְרַאנְקֶע טָאכְטֶער, דֶער אִיד אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוֶועזְן פוּל מִיט צָרוֹת, דֶעמָאלְטְס אִיז אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם גֶעוֶוען, אוּן דֶער אִיד אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן זַייעֶר שְׁטַארְק גֶעוַויינְט, רֶבִּי! עֶר קֶען דָאס שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן! עֶר הָאט זַייעֶר בִּיטֶער גֶעוַויינְט, דֶער סַאטְמַארֶער רָב זי"ע אִיז אַזוֹי גֶעזֶעצְן, אוּן אוֹיף גֶעהוֹיבְּן דִי הַאנְט אוּן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "ווִי קֶען מֶען פַּארְשְׁטֵיין דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְס וֶועגְן" – אוּן עֶס הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרָאפְּצוּרִינֶען טְרֶערְן פוּן דִי אוֹיגְן – "אִיךְ הָאב אוֹיךְ גֶעהַאט דְרַיי טֶעכְטֶער אוּן אִיךְ הָאב זֵיי פַּארְלוֹירְן, וָואס פַּארְשְׁטֵייעֶן מִיר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס וֶועגְן".

דִי מֶחְזֶה לִיגְט מִיר נָאךְ בִּיז יֶעצְט פַּאר דִי אוֹיגְן, ווִי אַזוֹי אַ צַדִּיק זָאל קֶענֶען אַזוֹי מְנַחֵם זַיין אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נֶעבֶּעךְ אִין אַזַא צָרָה, הָאב אִיךְ שׁוֹין דֶעמָאלְטְס אַלְץ בָּחוּר'ל גֶעטְרַאכְט, דִי מַעֲשֶׂה וָואס דִי גְמָרָא פַּארְצֵיילְט (בְּרָכוֹת ה ע"ב): רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט גֶעהַאט אַ בֵּיינְדְל פוּן זַיין קִינְד, אוּן עֶר הָאט גֶעוִויזְן אַז עֶר הָאט פַּארְלָארְן צֶען קִינְדֶער – דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

זָאל אָפְּהִיטְן – אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר גֶעטְרֵייסְט מֶענְטְשְׁן.

ד.

וַוייטֶער בַּיי יַעֲקֹב שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כה, כ״ו): ״וְאַחֲרֵי כֵן יָצָא אָחִיו וְיָדוֹ אֹחֶזֶת בַּעֲקֵב עֵשָׂו״ – דֶערְנָאךְ אִיז אַרוֹיס זַיין בְּרוּדֶער, אוּן זַיין הַאנְט הָאט אָנְגֶעהַאלְטְן דֶעם פֶּערְשְׁט פוּן עֵשָׂו. זָאגְט אוֹיף דֶעם רֶבִּי נָתָן אַ מוֹרָא׳דִיגֶע זַאךְ (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הַשְׁכָּמַת הַבֹּקֶר, הֲלָכָה ה): לוֹיט ווִי עֶס שְׁטֵייט בַּיי מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק (שְׁמוֹת יז, י״א): ״וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל״ – אַז משֶׁה הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאבְּן זִיךְ דִי אִידְן גֶעשְׁטַארְקְט אוּן דִי מִלְחָמָה. פְּרֶעגְט דִי גְמָרָא (רֹאשׁ הַשָּׁנָה כט ע״א): ׳וְכִי יָדָיו שֶׁל משֶׁה עוֹשׂוֹת מִלְחָמָה אוֹ שׁוֹבְרוֹת מִלְחָמָה? אֶלָּא בִּזְמַן שֶׁיִּשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִין כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּן לַאֲבִיהֶן שֶׁבַּשָּׁמַיִם הָיוּ מִתְגַּבְּרִין, וְאִם לָאו הָיוּ נוֹפְלִין׳ – צוּ טוּט דֶען דִי הֶענְט פוּן משֶׁה בְּרֶענְגֶען צוּ מִלְחָמָה אָדֶער בַּאזִיגְן אַ מִלְחָמָה, נָאר ווִילַאנְג דִי אִידְן קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוּנְטֶערְטֶענִיגְן זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער צוּם

breslevcity.co.il

אֵייבִּירְשְׁטְן, הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן אוֹיבּ – חָלִילָה וְחַס – נִישְׁט, אִיז גֶעוֶוען פַארְקֶערְט. דִי גַאנְצֶע מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק; וָואס משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר יְהוֹשֻׁעַ (שְׁמוֹת יז, ט): "וְצֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק מָחָר", דָאס אִיז גֶעוֶוען, אַז עֶר הָאט אִין אִים אַרַיינְגֶעשַׁיינְט אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער תַּרְגּוּם זָאגְט אוֹיף (שָׁם, פָּסוּק י"ב): "וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה" – 'פְּרִיסָן בִּצְלוֹ' – זַיין הֶענְט אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט, אוּן הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס אֱמוּנָה. אַז מִיט אֱמוּנָה וֶועסְטוּ בֵּייקוּמֶען.

טַייטְשְׁט מִיט דֶעם רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (שָׁם), אַז דוּ ווִילְסְט אָנְהַאלְטְן עֵשָׂו וָואס עֶר וִויל דִיר רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּמְבְּרֶענְגֶען, וַוייל דֶער שַׂר פוּן עֵשָׂו אִיז דָאךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם, אוּן אוֹיבּ ווִילְסְטוּ אִים אוּמְבְּרֶענְגֶען, דֶעמָאלְטְס "וְיָדוֹ אֹחֶזֶת בַּעֲקֵב עֵשָׂו", אַז דוּ וֶועסְט נוּצְן דִי הֶענְט, אוּן דָאס מֵיינְט מֶען לוֹיטְן תַּרְגּוּם אוּן חֲזַ"ל אַז דוּ וֶועסְט מִתְפַּלֵל זַיין, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן אוֹיף דִיר קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה, אוּן דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט (שָׁם כז, כב): "הַקֹּול קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו", זָאגְן חֲזַ"ל (מֶדְרָשׁ רַבָּה בְּרֵאשִׁית פַּרְשָׁה סה, סִימָן טז):

breslevcity.co.il

'כָּל זְמַן שֶׁהַקּוֹל קוֹל יַעֲקֹב אֵין הַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו', – ווײַלאַנְג דִי קוֹל פוּן יַעֲקֹב הֶערְט זִיךְ אוּן דִי בָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת, הָאבְּן דִי הֶענְט פוּן עֵשָׂו נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה. אַז אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה קֶען אִים קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט נִישְׁט בֵּייקוּמֶען.

אוּן צוּ נֶעמֶען דֶעם כֹּחַ פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן תְּפִלָּה מוּז מֶען אָנְקוּמֶען צוּ אַ צַדִיק, כָאטְשׁ יֶעדֶער אִיד אִיז אַ צַדִיק, אַזוֹי וְוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה ס, כא): "וְעַמֵּךְ כּוּלָּם צַדִיקִים", דָאךְ הָאט עֶר נָאר אַ קְלֵיין פִּינְטֶעלֶע פוּן אֱמוּנָה, אָבֶער דֶער צַדִיק אַרְבֶּעט זִיךְ אַזוֹי אוֹיס אַז בַּיי אִים זֶעט מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט נָאר אֱמוּנָה, זַיין גַאנְצֶער מַהוּת אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער.

וַוייל דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִיק אִיז, אַז עֶר הַאלְט זִיךְ אִין שְׁלֵימוּת פוּן אֱמוּנָה אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְחַדֵשׁ, אַזוֹי וְוי עֶס שְׁטֵייט (אֵיכָה ג, כג): "חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ", עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, עֶר בַּאנֵייט זִיךְ, אוּן דָאס אִיז נָאר דֶער כֹּחַ פוּן אַ צַדִיק זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן פוּן פְרִישׁ יֶעדֶעס מָאל.

breslevcity.co.il

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא): אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין. נָאר זַיין נֵיי און פְּרִישׁ שְׁטֶענְדִיג! עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין אַלְט, און טְרַאכְטְן אַז אַזוֹי בִּין אִיךְ שׁוֹין, און פון מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין, נָאר מְ'דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן.

וִוידֶערְאוּם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רע"ב): אַ מוֹרָא'דִיגְן סוֹד אוֹיפְן פָּסוּק, (תְּהִלִּים צה, י"ז): "הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ", אוֹיב דוּ וִוילְסְט הֶערְן דֶעם קוֹל פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז אִיךְ הָאב נִישְׁט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג! אוֹיף אֵיין טָאג קֶען אַ מֶענְטְשׁ אַלֶעס אִיבֶּער טְרָאגְן, אָבֶּער אוֹיב מֶען קוּקְט וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן, אָדֶער מֶען טְרַאכְט אַז נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי און אַזוֹי, וֶוערְט מֶען צוּבְּרָאכְן, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נָאר מִיטְן הַיינְטִיגְן טָאג, פִילְט עֶר אָן דֶעם טָאג מִיט אַסַאךְ גוּטְס, דֶערְפַאר זֶעהְט מֶען אַ חִילוּק פוּן אַ עֶרְלִיכְן אִיד וָואס עֶר פִּילְט אָן אַ טָאג, און עֶס אִיז בַּיי אִים אוֹיסְגֶעצוֹיגְן דֶער טָאג אַזוֹי וִוי הוּנְדֶערְט שָׁעָה, און נָאכְדֶעם נֶעבֶּעךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז גָאר וַוייט, און אִיז זִיךְ מְיַיאֵשׁ

breslevcity.co.il

און טְרַאכְט אִיךְ בִּין שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶועְרד און פון מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין, בְּמֵילָא דֶער טָאג הֵייבְּט זִיךְ שׁוֹין אָן בַּיי אִים שְׁפֶּעט, און נָאכְדֶעם פֶּענְיֶעט עֶר אָפּ, אַזוֹי גֵייט אַוֶועק דֶער טָאג, און דָאס קוּמְט פון זִקְנָה דְסִטְרָא אַחֲרָא.

און דָאס קֶען זַיין פְּשַׁט, וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כז, ב): "וַיֹּאמֶר הִנֵּה נָא זָקַנְתִּי" -און [יִצְחָק] הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ בִּין אַלְט, "לֹא יָדַעְתִּי יוֹם מוֹתִי" - אִיךְ וֵוייס נִישְׁט דֶעם טָאג פון מַיין שְׁטַארְבְּן. "הִנֵּה נָא זָקַנְתִּי" - אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אִיךְ בִּין אַלְט; "לֹא יָדַעְתִּי יוֹם מוֹתִי" - דֶעמָאלְטְס אַזַא מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם תַּכְלִית, פוּנֶעם 'יוֹם הַמִּיתָה', וַוייל עֶר אִיז צוּבְּרָאכְן כַּאפְּט עֶר נִישְׁט אַרַיין אִינֶעם הַיינְטִיגְן טָאג וָואס עֶר קֶען, אַזוֹי וְוִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קנג.): "שׁוּב יוֹם אֶחָד לִפְנֵי מִיתָתְךָ". און דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיֹּאמֶר הִנֵּה נָא זָקַנְתִּי", אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אִיךְ בִּין שׁוֹין אַלְט, אוֹיבּ אַזוֹי "לֹא יָדַעְתִּי יוֹם", קֶענְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט דֶעם טָאג וָואס עֶס שְׁטֵייט אוֹיף דֶעם - 'שׁוּב יוֹם אֶחָד לִפְנֵי מִיתָתְ"ךָ', און דָאס בַּאקוּמְט מֶען פון

breslevcity.co.il

צַדִיק, וַוייל דֶער צַדִיק הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רמ"ז): "חִידוּשׁ כָּמוֹנִי לֹא הָיָה בָּעוֹלָם" – אַזַא חִידוּשׁ ווִי אִיךְ בִּין אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען. אִין דָאס גֵייט אַרוֹיף דֶעם עִנְיָן פוּן הִתְחַדְשׁוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן, אוּן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע מַצָבִים וָואס עֶס גֵייט דוּרֶעךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, פַארְלִירְן טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט, דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ אִיז פַארְלִירְן זִיךְ, אוּן פַארְקֶערְט; דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה אִיז, וְויאַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן בָּזֶה הָעוֹלָם, דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (עַיֵּין קִצּוּר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ו): "הָעִקָּר מַה שֶׁקּוֹרִין דֶערְהַאלְטְן זִיךְ".

זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז נָאכְדֶעם וָואס דֶער צַדִיק הָאט אוּנְז שׁוֹין אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן דִי צָרוֹת, זָאל מֶען נִישְׁט וַוארְפְן אוֹיף אִים קַיין שְׁטֵיינֶער, וַוייל מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען: אַז אֵיינֶער הָאט דִיר גֶעטוּעֶן אַ טוֹבָה זָאלְסְטוּ דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן, דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל

breslevcity.co.il

בְּלַייבְּן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין, שׁוֹין אַנְטְקֶעגְן צוּ גֵיין מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וָואס עֶר וֶועט זַיין דֶער רֶבִּי וָואס עֶר וֶועט אוּנְז אַלֶע מְקַרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

breslevcity.co.il